# גליון היכל הקודש

וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג
נתייסדה ע"י כ"ק מרן מוהרא"ש זי"ע

**זמנים (NYC)**
הדלקת הנרות..................8:12
מוצאי שב"ק.....................9:43

**שיעורים כסדרן**
נ"ך..............................עמוס ב׳-ג׳
בבלי.....................עבודה זרה י׳
ירושלמי..................כתובות ב׳
תוספתא............בבא בתרא ט׳
רמב"ם.....................מכירה י"ב

פרשת קרח, ב׳ תמוז, שנת תשפ"ה לפ"ק, אבות פרק ד׳ — שנה 14, גליון 40 (708)


## אַ וָוארְט אוֹיף דִי פַּרְשָׁה

וַיִּקַּח קֹרַח, אִין דִי וָואכְנְדִיגֶע פַּרְשָׁה לֶערְנֶען מִיר וִוי אַזוֹי קֹרַח מִיט זַיינֶע מֶענְטְשְׁן הָאבְּן גֶעקְרִיגְט אוֹיף מֹשֶׁה רַבֵּינוּ, אוּן צוּם סוֹף זֶענֶען זֵיי אַיינְגֶעזוּנְקֶען אִין דֶער עֶרְד.

רַשִׁ"י זָאגְט, וְקֹרַח שֶׁפִּקֵּחַ הָיָה, מַה רָאָה לְשְׁטוּת זֶה, קֹרַח אִיז דָאךְ גֶעוֶוען קְלוּג, פַאַרְוָואס הָאט עֶר גֶעטוּן אַזַא שְׁטוּת? קֶען מֶען זָאגְן אַז דָאס אִיז טַאקֶע דֶער תֵּירוּץ, טַאקֶע דֶערְפַאר וָואס עֶר אִיז גֶעוֶוען אַזוֹי קְלוּג, אִיז עֶר אַזוֹי דוּרְכְגֶעפַאלְן אוּן גֶעהַאט אַ גְרוֹיסֶע מַפָּלָה.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק ב׳, סִימָן י"ט) אַז דֶער עִיקָר תַּכְלִית אוּן שְׁלֵימוּת פוּן אַ אִיד אִיז וֶוען עֶר דִינְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטֶער מִיט תְּמִימוּת אוּן פְּשִׁיטוּת, אָן קַיין שׁוּם חָכְמוֹת אוּן חֲקִירוֹת. וַוייל סְ'זֶענֶען דָא מְחַקְרִים וָואס זָאגְן אַז דֶער עִיקָר תַּכְלִית אִיז צוּ פַארְשְׁטֵיין אוּן אַרוֹיסְהָאבְּן יֶעדֶע זַאךְ מִיט אַ קְלָארְקֵייט, פַארְשְׁטֵיין יֶעדֶע זַאךְ וִוי אַזוֹי עֶס אַרְבֶּעט אוּן וָואס עֶס אִיז, דָאס אִיז בַּיי זֵיי דִי גְרֶעסְטֶע תַּעֲנוּג. דֶער פְּרָאבְּלֶעם מִיט דֶעם אִיז אָבֶער אַז צוּ דֶעם קֶענֶען נָאר צוּקוּמֶען אַ קְלֵיינֶע צָאל מֶענְטְשְׁן, דִי וָואס זֶענֶען זֵייעֶר קְלוּג אוּן גֶערִיבְּן, וָואס זָאלְן אָבֶער טוּן דִי פָּשׁוּטֶע מֶענְטְשְׁן? פַאַרְוָואס זֶענֶען זֵיי בַּאשַׁאפְן גֶעוָוארְן אוֹיף דֶער וֶועלְט? נָאר דֶער אֱמֶת אִיז אַז דֶער עִיקָר תַּכְלִית פַארְוָואס מִיר זֶענֶען אַרָאפְּגֶעקוּמֶען אוֹיף דֶער וֶועלְט אִיז נָאר צוּ טוּן דִי מִצְוֹת פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פָּשׁוּטֶערְהֵייט אָן קַיין שׁוּם חָכְמוֹת, מְ'דַארְף נִישְׁט פַארְשְׁטֵיין פַארְוָואס יֶעדֶע זַאךְ אִיז וִוי אַזוֹי עֶס אִיז, פַארְוָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אוּנְז גֶעהֵייסְן טוּן דִי מִצְוֹת, נָאר פָּשׁוּט טוּן לְמַעֲשֶׂה אַלֶע מִצְוֹת, אוּן מוֹרָא הָאבְּן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן נִישְׁט טוּן קַיין עֲבֵירוֹת חַס וְשָׁלוֹם. דֶער רֶבִּי טַייטְשְׁט דָאס אַרַיין אִין פָּסוּק (קֹהֶלֶת י"ב, י"ג) **סוֹף דָּבָר הַכֹּל נִשְׁמָע אֶת הָאֱלֹהִים יְרָא וְאֶת מִצְוֹתָיו שְׁמוֹר כִּי זֶה כָּל הָאָדָם**, שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ לֶערְנְט אוּנְז אוֹיס אַז דֶער תַּכְלִית פוּן אַ אִיד אִיז נָאר מוֹרָא צוּ הָאבְּן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטֶער אוּן צוּ הִיטְן זַיינֶע מִצְוֹת, וַוייל כִּי זֶה 'כָּל' הָאָדָם, וַוייל דָאס קֶען יֶעדֶער מֶענְטְשְׁן בַּאוַוייזְן, דָאס אִיז נִישְׁט נָאר פַאר גָאר קְלוּגֶע מֶענְטְשְׁן.

מִיט חָכְמוֹת קוּמְט מֶען אִין עֶרְגֶעץ נִישְׁט אָן, דָאס נֶעמְט נָאר אַוֶועק אַ אִיד פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶער עִיקָר אִידִישְׁקֵייט אִיז תְּמִימוּת אוּן פְּשִׁיטוּת, צוּ טוּן אַלֶע מִצְוֹת אַזוֹי וִוי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אוּנְז גֶעהֵייסְן, אוּן וִוי דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים הָאבְּן עֶס עֶרְקְלֶערְט, אוּן סְ'אִיז בִּכְלַל נִישְׁט קַיין חִילוּק פַארְוָואס אוּן פַארְוֶוען. אֲפִילוּ דִי סְפָרִים פוּן גְדוֹלֵי יִשְׂרָאֵל וָואס הָאבְּן מַסְבִּיר גֶעוֶוען אוּן גֶעגֶעבְּן טַעֲמִים אוֹיף מִצְוֹת, וִוי לְמָשָׁל דֶער סֵפֶר הַחִינוּךְ, הָאבְּן זֵיי נִישְׁט גֶעמֵיינְט צוּ זָאגְן אַז דָאס אִיז טַאקֶע דִי אוֹיסְשְׁלִיסְלִיכֶע טַעֲמִים פוּן דִי מִצְוֹת, נָאר צוּ מְקָרֵב זַיין אַבִּיסְל דִי מִצְוָה צוּ אוּנְזֶער שֵׂכֶל בְּדֶרֶךְ דְּרוּשׁ, אָבֶער דִי מִצְוָה אַלֵיין דַארְף זַיין בַּיי אוּנְז אַ חֹק בְּלִי טַעַם, צוּ טוּן דֶעם ווִילְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אוּן דִי זֶעלְבֶּע אִיז מִיט חָכְמוֹת אִין דִי מִצְוֹת אַלֵיין, אַ מֶענְטְשׁ טְרַאכְט אִיבֶּער צִי עֶר הָאט טַאקֶע יוֹצֵא גֶעוֶוען, אוֹיבּ עֶר הָאט גֶעטוּן דִי מִצְוָה מִיט אַלֶע חוּמְרוֹת אוּן דִקְדוּקִים, וֶועט דָאס אִים אוֹיךְ נָאר דֶערְוַוייטֶערְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דָאס וֶועט אִים אַוֶועקְנֶעמֶען דֶעם אַפֶּעטִיט צוּ טוּן אַ מִצְוָה. **דִי בֶּעסְטֶע זַאךְ אִיז וֶוען מְ'לֵייגְט אַלֶע חָכְמוֹת אִין אַ זַייט, אוּן מְ'טוּט וָואס אוּן וִוי אַזוֹי מְ'קֶען דָאס בֶּעסְטֶע, אוּן מְ'פְרֵייט זִיךְ מִיט יֶעדֶע מִצְוָה וָואס מְ'אִיז זוֹכֶה מְקַיֵּים צוּ זַיין.**

קֹרַח אִיז אָבֶער גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶער חָכָם אוּן אַ חוֹקֵר, "קֹרַח" אִיז דִי זֶעלְבֶּע אוֹתִיּוֹת וִוי "חֵקֶר", קֹרַח אִיז גֶעוֶוען אַ פִּקֵּחַ, אוּן עֶר אִיז גֶעקוּמֶען מִיט גַאנְצֶע חָכְמוֹת אוּן טַעֲנוֹת אוֹיף יֶעדֶע מִצְוָה, אוֹיבּ אֵיין פָאדֶעם פוּן תְּכֵלֶת פַּטְרְ'ט דֶעם גַאנְצְן קְלֵייד, אִיז דָאךְ אַ קְלֵייד וָואס אִיז גֶעמַאכְט נָאר פוּן תְּכֵלֶת זִיכֶער פָּטוּר פוּן צִיצִית, אוֹיבּ אֵיין מְזוּזָה פַּטְרְ'ט דִי גַאנְצֶע שְׁטוּבּ, אִיז דָאךְ אַ שְׁטוּבּ פוּל מִיט סְפָרִים זִיכֶער פָּטוּר פוּן מְזוּזָה. פַאַרְוָואס הָאט עֶר זִיךְ אָבֶער אַיינְגֶערֶעדְט אַז עֶר פַארְשְׁטֵייט וִוי אַזוֹי דִי מִצְוָה פוּן מְזוּזָה אַרְבֶּעט, וִוי אַזוֹי דִי מִצְוָה פוּן צִיצִית אַרְבֶּעט? דָאס אַלֶעס אִיז גֶעקוּמֶען פוּן זַיינֶע חָכְמוֹת אוּן חֲקִירוֹת, אוּן דָאס הָאט אִים טַאקֶע גֶעפִירְט אִין דֶער עֶרְד אַרַיין.

(תּוֹךְ הַנַּחַל קֹרַח תשס"א)

## מוֹהֲרָא"שׁ דֶערְצֵיילְט

### שְׁטֶעל זִיךְ אָפּ אַ מִינוּט

וֶוען מֶען גֶעפוּנְט זִיךְ אוּנְטֶערְוֶועגְנְס, קוּמְט מֶער אוֹיס צוּ פַארְבְּרֶענְגֶען דִי צַייט, צַייט אִיז דִי טֵייעֶרְסְטֶע זַאךְ וָואס עֶס אִיז דָא אוֹיף דִי וֶועלְט, מֶען קֶען עֶס נִישְׁט קוֹיפְן פַאר קַיין שׁוּם גֶעלְט, דָאס אִיז נָאר אַ מַתָּנָה וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעבְּט פַארְ'ן מֶענְטְשׁ, אוּן יֶעדֶע מִינוּט צַייט וָואס עֶס גֵייט אַוֶועק לֵיידִיג אִיז אַ פַארְלוּסְט וָואס מֶען קֶען מֶער קֵיינְמָאל נִישְׁט צוּרִיק בַּאקוּמֶען.

דֶערְפַאר דַארְף אַ מֶענְטְשׁ זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף דִי טֵייעֶרֶע צַייט אוּן זֶען אַז עֶס זָאל נִישְׁט אַוֶועק גֵיין לֵיידִיג, נָאר וֶוערְן אוֹיסְגֶענוּצְט אוֹיף דִי רִיכְטִיגֶע וֶועג. יֶעדֶע מִינוּט וָואס גֵייט אַרִיבֶּער אִיז שׁוֹין אַ גֶעשְׁטָארְבֶּענֶע מִינוּט, עֶס וֶועט קֵיינְמָאל נִישְׁט צוּרִיק קוּמֶען, אוֹיבּ מֶען הָאט עֶס אוֹיסְגֶענוּצְט וִוי מֶען דַארְף אִיז גוּט, אוּן אַז נִישְׁט אִיז עֶס שׁוֹין דֶערְנָאךְ.

דֶער אֱמֶת אִיז אָבֶער אַז עֶס אִיז אַ גְרוֹיסֶע חֶסֶד פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מֶען מוּז פָארְן פוּן אֵיין פְּלַאץ צוּם אַנְדֶערְן, וַוייל אַסַאךְ מָאל זֶענֶען מֶענְטְשְׁן אַזוֹי פַארְיָאגְט אוּן פַארְפְּלָאגְט אַז עֶס קוּמְט אִים אֲפִילוּ נִישְׁט אוֹיס קַיין צַייט זִיךְ אָפְּצוּשְׁטֶעלְן אַ מִינוּט אוּן רֶעדְן עֶטְלִיכֶע וֶוערְטֶער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, "בַּאשֶׁעפֶער, וואוּ

<<<<<<

## א גוט ווארט

לְכָבוֹד מַיינֶע טֵייעֶרֶע לִיבֶּע חֲבֵרִים תַּלְמִידֵי הֵיכָל הַקּוֹדֶשׁ פוּן אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, ה׳ עֲלֵיהֶם יִחְיוּ,

יֶעצְט וֶוען עֶס אִיז דָא דִי מִלְחָמָה מִיט אִירַאן דַארְפְן עֶנְק זִיךְ זֵייעֶר שְׁטַארְקְן אִין אֱמוּנָה, עֶנְק דַארְפְן רֶעדְן אַסַאךְ פוּן אֱמוּנָה, בְּעִיקָר אִין שְׁטוּבּ צוּ דִי וַוייבּ אוּן קִינְדֶער, וַוייל נָאר אֱמוּנָה נֶעמְט אַוֶועק דִי פְּחָדִים, נָאר אֱמוּנָה בַּארוּאִיגְט.

אִיךְ בֶּעט עֶנְק אַלֶע, גֶעבְּט אַכְטוּנְג אוֹיף אֵייעֶר מִשְׁפָּחָה, אוֹיף זֵייעֶר רוּאִיגְקֵייט, אוֹיף זֵייעֶר פְרֵיילִיכְקֵייט, אוּן וֶוען עֶס גֵייט אַן אַלַארְם אוּן עֶנְק בַּאשִׁיצְן זִיךְ - זָאלְן עֶנְק פְרֵיילִיךְ מַאכְן דִי מִשְׁפָּחָה, זִינְגֶען אֱמוּנָה אוּן מַאכְן וֶוערְטְלֶעךְ, וַוייל דָאס מֶערְסְטֶע וָואס שָׁאדְט פַאר דִי נֶפֶשׁ אִיז דִי שְׁרֶעק.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה שְׁלַח תשפ"ה)

**בְּרִיוו פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א**

# מִלְחֶמֶת גּוֹג וּמָגוֹג

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ

יוֹם א' פַּרְשַׁת קֹרַח, כ"ו סִיוָן, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

מֶענְטְשְׁן פְרֶעגְן אוֹיבּ דִי מִלְחָמָה יֶעצְט מִיט אִירַאן אִיז מִלְחֶמֶת גּוֹג וּמָגוֹג; וָואס זָאל אִיךְ דִיר זָאגְן, מוֹהֲרָא"שׁ הָאט אוּנְז גֶעזָאגְט אַז דִי מִלְחָמָה פוּן גּוֹג וּמָגוֹג אִיז אִינֶעם מֶענְטְשׁ אַלֵיין; אִינֶעם מֹחַ, אִין הַארְץ פוּנֶעם מֶענְטְשׁ. אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי הָאט פָארְאוֹיס גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן לה): "שֶׁהוֹלֵךְ אֶפִּיקוֹרְסוּת גָּדוֹל עַל הָעוֹלָם", פַאר מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען וֶועט אַרָאפְּקוּמֶען אַ מַבּוּל פוּן כְּפִירוֹת אוּן אַפִּיקוֹרְסוּת.

טַייעֶרער לִיבֶּער בְּרוּדֶער, אִיךְ בֶּעט דִיר, קוּק נִישְׁט קַיין שׁוּם פַּאדְקֶעסְט, קוּק נִישְׁט קַיין קְלִיפְּס. וַוארְף אַוֶועק דִי טֶעלֶעפָאן, עֶס אִיז אַ גְרוֹיסֶע סַכָּנָה, מֶען קֶען אִינְגַאנְצְן אַוֶועק פַאלְן. וֶוער אִיז דַיין רֶבִּי? וֶועם פְרֶעגְסְטוּ דַיינֶע שְׁאֵלוֹת? פְרֶעג אִים אוֹיבּ דוּ זָאלְסְט הָאבְּן דַיין טֶעלֶעפָאוֹן, אַדְרַבָּה, אִיךְ ווִיל הֶערְן וִוי דַיין עֶרְלִיכֶער אִיד, דַיין מוֹרֶה דֶרֶךְ - זָאגְט דִיר אַז דוּ קֶענְסְט הָאבְּן אַ טֶעלֶעפָאן, טֶעבְּלֶעט לֶעפְּטַאפּ - וואוּ מֶען זֶעט קְלִיפְּס, אִינְטֶערְוִויוּס, פַּאדְקֶעסְט פוּן לֵיצָנוּת אוּן פוּן כּוֹפְרִים בַּה'; אִיךְ גְלֵייבּ אַז קַיין אֵיין דַיָּן וֶועט דִיר דָאס מַתִּיר זַיין.

אוֹי וֵויי, מַיין הַארְץ וֵויינְט וֶוען אִיךְ זֶע וִוי דוּ בִּיסְט אִין אַ סַכָּנָה, אַלֶעס גֵייט דִיר גֵיין חָרוּב, אַלֶעס גֵייט דִיר צֶעפַאלְן, וַוייל דֶער סַמַ"ךְ מֶ"ם ווִיל דִיךְ אִין דֶער עֶרְד לֵייגְן, עֶר ווִיל דִיר אַוֶועק נֶעמֶען דַיין וַוייבּ, דַיין שְׁטוּבּ, דַיין גַאנְצֶע לֶעבְּן, עֶס אִיז זֵייעֶר שְׁרֶעקֶעדִיג.

דֶער צַדִּיק רֶבִּי אַבְרָהָם בֶּן רֶבִּי נַחְמָן הָאט גֶעזָאגְט: "דֶער סַמַ"ךְ מֶ"ם ווִיל נִישְׁט צוּנֶעמֶען נָאר יֶענֶע וֶועלְט, עֶר ווִיל צוּנֶעמֶען דִי שֵׁיינֶע זִיסֶע לֶעבְּן פוּן דִי וֶועלְט", אוּן וֶוער עֶס הָאט אוֹיגְן קֶען דָאס זֶען, וִוי שְׁטִיבֶּער צֶעפַאלְן.

מֶען הֶערְט אִין דִי נַייעֶס וִוי מֶען קֶען אַיינְפְּלַאנְצְן אַ בָּאמְבֶּע אִין אַ טֶעלֶעפָאן אוּן דֶער מֶענְטְשׁ וֶוערְט גֶע'הַרְגְ'עֶט, אִיז דָאס פַאר מִיר אַ לִימוּד אַז דֶער טֶעלֶעפָאן אִיז אַ בָּאמְבֶּע וָואס הַרְגְ'ט מִיךְ, עֶס נֶעמְט אַוֶועק מַיין יִרְאַת שָׁמַיִם, מַיין תְּמִימוּת, מַיין נַאאִיוְוקֵייט.

מֶען אִיז פַארְנוּמֶען מִיט דִי נַייעֶס, מִיט דִי מִלְחָמָה פוּן אִירַאן; דִי מִלְחָמָה מִיט דִי טֶעלֶעפָאן אִיז סַאךְ אַ שְׁוֶוערֶערֶע מִלְחָמָה וִוי דִי מִלְחָמָה יֶעצְט מִיט אִירַאן, עֶס אִיז סַאךְ אַ גְרֶעסֶערֶע סַכָּנָה; וִויפִיל בָּאמְבֶּעס פְּלַאצְן טָאג טֶעגְלִיךְ, וִויפִיל יִרְאַת שָׁמַיִם וֶוערְן אַוֶועק גֶענוּמֶען, וִויפִיל פַארְלִירְט מֶען פוּן דֶעם...

עֶס טוּט מִיר זֵייעֶר וֵויי אַז אַלֶעס פְרֶעגְסְטוּ מִיר אוּן אַלֶעס טוּסְטוּ - בִּיז דִי טֶעלֶעפָאן, דָאס פַארְשְׁטֵייסְטוּ בֶּעסֶער.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה קֹרַח תשפ"ה)

## סֵפֶר הַמִּדּוֹת תְּפִלָּה

עב. מִי שֶׁמִּתְפַּלֵּל בְּכֹחַ, הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא שׁוֹמֵעַ תְּפִלָּתוֹ. וֶוער עֶס דַאוֶוענְט מִיט כֹּחַ, הֶערְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אוֹיס זַיין תְּפִלָּה.

עג. מִי שֶׁנָּדַר אֵיזֶהוּ נֶדֶר, אֵין מְקַבְּלִין תְּפִלָּתוֹ עַד שֶׁיְּשַׁלֵּם אֶת נִדְרוֹ. וֶוער עֶס הָאט צוּגֶעזָאגְט אַ גֶעוִוויסֶע נֶדֶר, נֶעמְט מֶען נִישְׁט אָן זַיין תְּפִלָּה בִּיז עֶר פִּירְט נִישְׁט אוֹיס זַיין נֶדֶר.

<<<<<< מוֹהֲרָא"שׁ דֶערְצֵיילְט

הַאלְט אִיךְ אוֹיף דֶער וֶועלְט?" "בַּאשֶׁעפֶער, הֶעלְף מִיר אַרוֹיס מִיט וָואס אִיךְ דַארְף". וֶוען מֶען פָארְט אָבֶּער אוֹיפְן וֶועג אוּן מֶען הָאט נִישְׁט וָואס צוּ טוּהן, קֶען מֶען אוֹיסְנִיצְן דִי צַייט מִיטְן זִיךְ דוּרְךְ רֶעדְן מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן. יֶעדֶעס וָוארְט וָואס מֶען רֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז אַ גֶעוַואלְדִיגֶע הַצְלָחָה פַארְן מֶענְטְשׁ אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

דֶער עִיקָר אִיז דִי מוֹיל, וִוי לַאנְג אַ מֶענְטְשׁ הָאט אַ מוֹיל, דַארְף עֶר נִישְׁט וֶוערְן גֶעשְׁטֶערְט פוּנֶעם וֶועג, וַוייל מֶען קֶען רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיפְ'ן וֶועג, מֶען קֶען לֶערְנֶען אוֹיפְ'ן וֶועג, מֶען נֶעמְט זִיךְ מִיט אַ זֶעקְל סְפָרִים, אוּן וואוּ מֶען גֵייט, כַּאפְּט מֶען אַרַיין עֶטְלִיכֶע וֶוערְטֶער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶטְלִיכֶע פְּסוּקִים חוּמָשׁ, עֶטְלִיכֶע פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת, עֶטְלִיכֶע קַאפִּיטְלֶעך תְּהִלִּים, אוּן דָאס גְלַייכְן.

דֶער רֶבִּי הָאט אַמָאל גֶעזָאגְט פַאר אֵיינֶעם וָואס הָאט זִיךְ אָפְּגֶערֶעדְט אַז עֶר הָאט אַ וַוייטֶע וֶועג צוּ גֵיין, הָאט אִים דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט: "וִוי וַוייט אִיז פוּן מוֹיל בִּיז צוּם הַארְץ?" דָאס מֵיינְט אַז וֶוען אַ מֶענְטְשׁ הָאט אַ מוֹיל מִיט אַ הַארְץ קֶען עֶר דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיךְ אוֹיפְ'ן וֶועג, עֶר קֶען רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר קֶען לֶערְנֶען אוּן דַאוֶוענֶען, אוּן עֶר וֶועט אֲפִילוּ נִישְׁט פִילְן אַז עֶר אִיז אוֹיפְ'ן וֶועג.

אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ פְלֶעגְן זָאגְן אוֹיף רֶבִּי נָתָן אַז עֶר הָאט גֶעלֶערְנְט אוֹיפְ'ן וֶועג נָאךְ מֶער וִוי אִינְדֶערְהֵיים, עֶר אִיז גֶעוֶוען אַזוֹי שְׁטַארְק צוּגֶעבִּינְדֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז קַיין שׁוּם זַאךְ הָאט אִים נִישְׁט גֶעקֶענְט שְׁטֶערְן, עֶר הָאט וַוייטֶער גֶעדִינְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיפְ'ן וֶועג פּוּנְקְט וִוי עֶר וָואלְט גֶעזִיצְן אִין בֵּית הַמִּדְרָשׁ.

עֶס אִיז בַּאקַאנְט וָואס דֶער הֵיילִיגֶער חֲתַם סוֹפֵר זִי"עַ הָאט גֶעזָאגְט אַז עֶר אִיז גֶעוָוארְן אַ תַּלְמִיד חָכָם פוּן פִינְף מִינוּט, אוּן וֶוען דִי תַּלְמִידִים הָאבְּן זִיךְ גֶעוְוואוּנְדֶערְט: "וִוי אַזוֹי קֶען מֶען וֶוערְן אַ תַּלְמִיד חָכָם אִין פִינְף מִינוּט?" הָאט עֶר זֵיי מַסְבִּיר גֶעוֶוען אַז עֶר רֶעדְט פוּן דִי פִינְף מִינוּטְקֶעלֶעךְ וָואס וֶוערְט פַארְוַואסֶערְט בַּיי מֶענְטְשְׁן, עֶר הָאט אָבֶּער יָא גוּט אוֹיסְגֶענוּצְט דִי קְלֵיינֶע מִינוּטְקֶעלֶעךְ אוּן פוּן דֶעם אִיז עֶר גֶעוָוארְן אַ תַּלְמִיד חָכָם.

וֶוען אַ מֶענְטְשׁ זָאל גוּט קוּקְן וֶועט עֶר זֶען וִוי עֶס גֵייט אִים לֵיידִיג הִיבְּשׁ מֶער פוּן פִינְף מִינוּט, אוּן וֶוען מֶען זָאל צוּזַאם שְׁטֶעלְן דִי אַלֶע פִינְף מִינוּטְן וָואס גֵייעֶן לֵיידִיג בְּמֶשֶׁךְ אַ טָאג, וֶועט עֶס אוֹיסְקוּמֶען צוּ אַסַאךְ שָׁעָה'ן. אָבֶּער וֶוען מֶען זָאל אַכְטוּנְג גֶעבְּן נִישְׁט צוּ גֵיין לֵיידִיג, קֶען מֶען זִיךְ גָאר אַסַאךְ אַיינְקוֹיפְן אִין דִי קְלֵיינֶע צַייטְן.

וואוֹיל אִיז דֶעם וָואס הִיט דִי צַייט, סַיי אִינְדֶערְהֵיים אוּן סַיי אוּנְטֶערְוֶועגְנְס, וֶועט עֶר מַצְלִיחַ זַיין בְּרוּחֲנִיּוּת וּבְגַשְׁמִיּוּת אוּן הָאבְּן דִי וֶועלְט מִיט יֶענֶע וֶועלְט אִינְאֵיינֶעם.

(שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ)

## קוּק נִישְׁט

דֶער אוֹיג אִיז פוּן דִי הַאקְלֶעסְטֶע גְלִידֶער פוּנֶעם מֶענְטְשׁ, עֶס פַארְלַאנְגְט זִיךְ בְּלוֹיז אַ קְלֵיין שְׁטִיקְל שְׁטוֹיבּ אָדֶער שְׁמוּץ וָואס זָאל זִיךְ דָארְט אַרַיינְכַאפְּן, אוּן שׁוֹין וֶועט עֶס אָנְבְּרֶענְגֶען אַסַאךְ צָרוֹת אוּן יִסוּרִים. דָאס אִיז מִיט דִי גַשְׁמִיּוּת פוּנֶעם אוֹיג, אָבֶּער דָאס וַוייזְט אוּנְז אוֹיךְ אַז דִי זֶעלְבֶּע - אוּן נָאךְ פִיל מֶער - אִיז דֶער אוֹיג זֵייעֶר הַאקְל בְּרוּחֲנִיּוּת; בְּלוֹיז אֵיין קְלֵיינֶע רְאִיָּה אֲסוּרָה, בְּלוֹיז אֵיין קוּק אוֹיף אוֹיסְגֶעלַאסֶענֶע זַאכְן, קֶען שׁוֹין בְּרֶענְגֶען גָאר גְרוֹיסֶע אוּן שְׁוֶוערֶע וֵוייטָאגְן פַאר דִי נְשָׁמָה.

חֲזַ"ל זָאגְן (מִדְרָשׁ תַּנְחוּמָא נָשֹׂא ג') "בְּשָׁעָה שֶׁבָּרָא הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא אֶת הָעוֹלָם, נִתְאַוָּה שֶׁיִּהְיֶה לוֹ דִירָה בַּתַּחְתּוֹנִים", וֶוען דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט בַּאשַׁאפְן דִי וֶועלְט, הָאט עֶר דַוְקָא גֶעוָואלְט וואוֹינֶען דָא אוֹיף דִי נִידְרִיגֶע וֶועלְט. דָאס מֵיינְט אַז דִי עִיקָר הַנָּאָה פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז וֶוען מֶענְטְשְׁן וֶועלְכֶע לֶעבְּן אִין אַזַא נִידְרִיגֶע וֶועלְט, וואוּ אוֹיבְּן אוֹיף קֶען מֶען גָארְנִישְׁט זֶען דָא אַז נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פִירְט דִי גַאנְצֶע וֶועלְט, דַוְקָא אוֹיף אַזַא פְּלַאץ זָאלְן דִי מֶענְטְשְׁן זֶען אוּן אַנֶערְקֶענֶען אַז נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פִירְט אַלֶעס, אוּן אַז עֶס אִיז גָארְנִישְׁט דָא אוֹיף דֶער וֶועלְט אוֹיסֶער דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דִי הֵיילִיגֶע נְשָׁמָה פוּן יֶעדְן אִיד אִיז אַ "חֵלֶק אֱלֹקַי מִמַּעַל", דִי נְשָׁמָה אִיז אַ חֵלֶק פוּן הֵיילִיגְן בַּאשֶׁעפֶער, אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער שִׁיקְט אַרָאפּ דִי נְשָׁמָה אַרַיין אִין אַ קֶערְפֶּער וָואס גֶעפִינְט זִיךְ אִין אוּנְזֶער וֶועלְטְל, אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער קוּקְט זִיךְ צוּ אוּן עֶר גְלוּסְט צוּ זֶען וִוי

<<<<<<

דִי נְשָׁמָה וֶועט נִישְׁט וֶוערְן פַארְפִירְט פוּן דִי שְׁלֶעכְטֶע גְלוּסְטֶענִישְׁן אוֹיף דֶער וֶועלְט, נָאר דִי נְשָׁמָה וֶועט אַרְבֶּעטְן אוּן זִיךְ שְׁטַארְקְן צוּ וִויסְן אוּן גֶעדֶענְקֶען אַז נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דָא, אוּן עֶס אִיז גָארְנִישְׁט פַארְהַאן אוֹיסֶער אִים.

חֲזַ"ל זָאגְן (סַנְהֶדְרִין מ"ה.) "אֵין יֵצֶר הָרַע שׁוֹלֵט אֶלָּא בַּמֶּה שֶׁעֵינָיו רוֹאוֹת", דֶער יֵצֶר הָרַע קֶען נָאר אַרְבֶּעטְן אוֹיף אַ מֶענְטְשׁ, נָאכְדֶעם וָואס דֶער מֶענְטְשׁ הָאט גֶעקוּקְט אוֹיף זַאכְן וָואס מֶען טָאר נִישְׁט. דֶער עִיקָר כֹּחַ וָואס דֶער יֵצֶר הָרַע הָאט אִיבֶּער אַ מֶענְטְשׁ, אִיז אַוֶועקְצוּשְׁלֶעפְּן פוּן דֶעם צִיל פַארְוָואס עֶר אִיז בַּאשַׁאפְן גֶעוָוארְן נָאר צוּ זֶען אוּן צוּ שְׁפִּירְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִיז נָאר דוּרְךְ דֶעם וָואס עֶר אִיז מַכְשִׁיל דֶעם מֶענְטְשׁ צוּ קוּקְן אוֹיף שְׁלֶעכְטֶע זַאכְן.

דֶערִיבֶּער זֶעט מֶען אִין דִי הַיינְטִיגֶע דוֹרוֹת אַז דֶער יֵצֶר הָרַע הָאט אַרַיינְגֶעבְּרֶענְגְט אַזוֹיפִיל שְׁמוּץ אוֹיף דֶער וֶועלְט, סֵיי אוֹיפְ'ן גַאס זֶעט מֶען לֵיידֶער אַזוֹיפִיל שְׁמוּץ, דִי גוֹיִם גֵייעֶן אָנְגֶעטוּן, אָדֶער בֶּעסֶער גֶעזָאגְט אוֹיסְגֶעטוּן, מַמָּשׁ וִוי דִי חַיוֹת. וואוּ מֶען דְרֵייט זִיךְ טְרֶעפְט מֶען זִיךְ אָן מִיט גָאר פְּרִיצוּת'דִיגֶע אוּן אוֹיסְגֶעלַאסֶענֶע פְרוֹיעֶן. אוּן סֵיי מִיט אַנְדֶערֶע וֶועגְן וָואס דֶער יֵצֶר הָרַע הָאט אַרַיינְגֶעבְּרֶענְגְט דוּרְךְ דִי נֵייעֶ טֶעכְנֶעלָאגִישֶׁע כֵּלִים, אַז מֶען דַארְף אֲפִילוּ נִישְׁט גֵיין אוֹיפְ'ן גַאס, נָאר סֵיי וואוּ אִימֶער קֶען מֶען לַיידֶער זֶען דִי עֶרְגְסְטֶע סָארְט שְׁמוּץ, דִי נִידְרִיגְסְטֶע סָארְט בִּילְדֶער אוּן וִוידִיאָס, אוּן דֶער עִיקָר צִיל וָואס דֶער יֵצֶר הָרַע וִויל מִיט דֶעם, אִיז נָאר אַוֶועקְצוּשְׁלֶעפְּן דֶעם מֶענְטְשׁ פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אַ אִיד דַארְף אָבֶּער שְׁטֶענְדִיג וִויסְן אוּן גֶעדֶענְקֶען אַז עֶר אִיז קֵיינְמָאל נִישְׁט פַארְפַאלְן. עֶס אִיז אֵייבִּיג דָא אַ וֶועג אַרוֹיס פוּן יֶעדֶע פְּרָאבְּלֶעם. אֲפִילוּ וֶוען אַ מֶענְטְשׁ הָאט זִיךְ שׁוֹין צוּגֶעוואוֹינְט פַאר לַאנְגֶע יָארְן צוּ קוּקְן שְׁלֶעכְטְס, עֶס זֶעט אִים אוֹיס וִוי עֶס אִיז בִּכְלַל נִישְׁט מֶעגְלִיךְ אַרוֹיסְצוּקְרִיכְן דֶערְפוּן, דַארְף עֶר אָבֶּער גֶעדֶענְקֶען אַז אוֹיבּ וֶועט עֶר פָּאלְגְן דִי עֵצוֹת פוּן דִי הֵיילִיגֶע צַדִיקִים, וֶועט עֶר זִיכֶער קֶענֶען אַרוֹיסְקְרִיכְן דֶערְפוּן, אוּן עֶר וֶועט זוֹכֶה זַיין פוּן יֶעצְט אוּן וַוייטֶער צוּ זַיין אָפְּגֶעהִיטְן פוּן אַלֶעם שְׁלֶעכְטְס.

(קוּנְטְרֵס רֵיינֶע אוֹיגְן)

## לֶעבְּנְסְגֶעשִׁיכְטֶע פוּן רֶבִּי'ן (ריא)

**תשטז**

אִין לוֹיף פוּן דִי גַאנְצֶע וָואךְ פוּן סְלִיחוֹת אִיז רֶבִּי נָתָן אַסַאךְ אַרַיינְגֶעגַאנְגֶען צוּם רֶבִּי'ן, דֶער רֶבִּי הָאט אַסַאךְ גֶערֶעדְט מִיט אִים אוּן אִים זֵייעֶר שְׁטַארְק מְחַזֵק גֶעוֶוען, אוּן דֶעמָאלְט הָאט דֶער רֶבִּי אִים מְגַלֶּה גֶעוֶוען דֶעם מַאֲמָר פַארְוָואס מֶען פָארְט רֹאשׁ הַשָּׁנָה צוּ צַדִיקִים, וָואס אִיז גֶעדְרוּקְט אִין לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן (חֵלֶק א', סִימָן רי"א).

**שְׁנַת תקס"ח**

**תשיז**

רֹאשׁ הַשָּׁנָה שְׁנַת תקס"ח, אַ גְרוֹיסֶער עוֹלָם אִיז זִיךְ צוּזַאמְגֶעקוּמֶען בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, וִוי דֶער סֵדֶר אִיז יֶעדֶעס יָאר (זֶע אוֹיבְּן אִין סִימָן תי"ט).

בַּיי שָׁלֹשׁ סְעוּדוֹת הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט אַ גֶעוַואלְדִיגֶע תּוֹרָה אוֹיפְ'ן מַאֲמָר אִין אִידְרָא רַבָּה, "חָדֵי רַבִּי שִׁמְעוֹן" (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן ס"א), אִין דִי תּוֹרָה הָאט דֶער רֶבִּי אַסַאךְ אַרוּמְגֶערֶעדְט אַז דוּרְךְ מַחְלוֹקֶת

<<<<<<

## שְׁאֵלוֹת וּתְשׁוּבוֹת בְּרֶסְלֶב

# דַארְף אִיךְ צָאלְן דִי גַאנְצֶע רֶענְט?



*שְׁאֵלָה:*

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הָאבּ אַ שְׁטִיקֶל פְּרָאבְּלֶעם מִיט מַיין לֶענְדְלָארְד, אִיךְ וִויל בֶּעטְן אוֹיבּ דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א קֶען מִיר גֶעבְּן אַן עֵצָה וִוי אַזוֹי זִיךְ אוֹיסְצוּקוּמֶען מִיט אִים.

אִיךְ וואוֹין אִין אַ פוּרְנִיטְשְׁט דִירָה, אִיךְ הָאבּ זִיךְ אוֹיסְגֶענוּמֶען מִיט אִים בַּיים אַרוֹיסְנֶעמֶען דִי דִירָה אַז עֶר וֶועט פַארְרֶעכְטְן אַלֶעס וָואס פֶעלְט זִיךְ אוֹיס, אוּן בְּעֶרֶךְ צְוֵויי חֳדָשִׁים צוּרִיק הָאט מַיין דְרֵייעֶר זִיךְ אַבִּיסְל צֶעבְּרָאכְן, עֶס אַרְבֶּעט פַיין, עֶס טְרוּקֶנְט דִי קְלֵיידֶער בָּרוּךְ ה', אָבֶּער עֶס מַאכְט אַ גֶעפֶערְלִיכֶע גֶערוּדֶער, מַמָּשׁ מֶען קֶען נִישְׁט לֵייגְן דִי קִינְדֶער שְׁלָאפְן בְּשָׁעַת עֶס אַרְבֶּעט. אִיךְ הָאבּ שׁוֹין גֶעזָאגְט פַאר מַיין לֶענְדְלָארְד פַאר צְוֵויי חֳדָשִׁים צוּרִיק פוּן דֶעם פְּרָאבְּלֶעם, אוּן עֶר זָאגְט מִיר אַלְץ 'אִיךְ גֵיי רוּפְן אַ בַּעַל מְלָאכָה, אִיךְ גֵיי רוּפְן אַ בַּעַל מְלָאכָה', אוּן לְמַעֲשֶׂה גֵייט דוּרְךְ טֶעג אוּן אֵין קוֹל וְאֵין עוֹנֶה. אִיךְ רוּף אִים אַ וָואךְ שְׁפֶּעטֶער זָאגְט עֶר מִיר מֶען וֶועט זֶען וָואס מֶען גֵייט טוּן, אִיךְ רַף אִים נָאכְאַמָאל לֶעצְטְנְס אוּן אִיךְ שְׁלָאג אִים פָאר אַן עֵצָה אַז אֶפְשָׁר קֶען אִיךְ רוּפְן אַ בַּעַל מְלָאכָה אוּן אִיךְ וֶועל אִים צָאלְן אוּן נָאכְדֶעם וֶועל אִיךְ עֶס אַרָאפְּרֶעכֶענֶען פוּן דִי רֶענְט, זָאגְט עֶר מִיר אַז מֶען גֵייט "שׁוֹין" זֶען וָואס מֶען גֵייט טוּן, עֶר זָאגְט אַז עֶר הַאלְט אִינְמִיטְן טְרַאכְטְן צִי עֶר זָאל קוֹיפְן אַ נֵייעֶ אַנְשְׁטָאט פַארְרֶעכְטְן. בְּקִיצוּר, עֶר נֶעמְט זִיךְ נִישְׁט צוּזַאם.

מַיין שְׁאֵלָה אִיז וָואס אִיךְ זָאל טוּן מִיט אִים, אִיךְ טְרַאכְט אֶפְשָׁר זָאל אִיךְ אִים נִישְׁט צָאלְן קַיין רֶענְט, אָדֶער נִישְׁט דִי גַאנְצֶע, בִּיז עֶר פַארְרֶעכְט עֶס, אָדֶער אִים אַרַיינְגֶעבְּן אִין קָאפּ אַרַיין. אִיךְ וִויל נִישְׁט טוּן קַיין ווִילְדֶע זַאכְן אָן קַיין מוֹרֶה דֶרֶךְ, ווִייל אִיךְ בֶּעטְן אוֹיבּ דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א קֶען מִיר מַדְרִיךְ זַיין וִוי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן.

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר אַלֶע שִׁיעוּרִים, וֶוען נִישְׁט דִי שִׁיעוּרִים וָואלְט אִיךְ שׁוֹין לַאנְג זִיךְ צֶעקְרִיגְט מִיט גֶעוִויסֶע שְׁכֵנִים וָואס טְרַאכְטְן אַבִּיסְל אַנְדֶערְשׁ וִוי מִיר, זֵיי לֵייגְן זֵייעֶרֶע זַאכְן אוֹיף פְּלֶעצֶער וָואס קֶען מִיר שְׁטֶערְן, אוּן אִין זְכוּת פוּן דִי שִׁיעוּרִים בִּין אִיךְ מְוַותֵּר, אִיךְ בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א זָאל וַוייטֶער הָאבְּן כֹּחַ אָנְצוּגֵיין.

יְיַשֵׁר כֹּחַ

*תְּשׁוּבָה:*

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ

יוֹם ה' פַּרְשַׁת בְּהַעֲלוֹתְךָ, ט"ז סִיוָן, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

דָאס אִיז אַ שְׁאֵלָה אִין דִינֵי מָמוֹנוֹת, דָאס דַארְפְסְטוּ פְרֶעגְן אַ דַיָּין. פְרֶעג אַ דַיָּין אוֹיבּ דוּ מֶעגְסְט דָאס טוּן, נִישְׁט צוּ צָאלְן רֶענְט וְכוּ'.

אוֹיךְ זָאלְסְטוּ וִויסְן אַז אַלֶעס וָואס פַּאסִירְט מִיטְן מֶענְטְשׁ, אַלֶעס אִיז מִיט אַ חֶשְׁבּוֹן, אוּן אַז עֶס צֶעבְּרֶעכְט זִיךְ עֶפֶּעס אִין שְׁטוּבּ - אִיז דָאס אוֹיךְ מִיט אַ חֶשְׁבּוֹן. אַלֶעס אִיז צוּ דֶערְמַאנֶען דֶעם מֶענְטְשׁ אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פִירְט אַלֶעס אוּן מַאכְט אַלֶעס, אַזוֹי וִוי דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (תַּנְחוּמָא תֵּצֵא, ג): "צָרִיךְ אָדָם לְהַחֲזִיק טוֹבָה לְהַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא בִּזְמַן שֶׁהַיִּסּוּרִין בָּאִין עָלָיו, לָמָּה, שֶׁהַיִּסּוּרִין מוֹשְׁכִין אֶת הָאָדָם לְהַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא", אַ מֶענְטְשׁ דַארְף דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דִי שְׁוֶוערִיקֵייטְן וָואס עֶר הָאט, וַוייל דָאס בְּרֶענְגְט אִים נֶענְטֶער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶס מַאכְט אִים לֶעבְּן מִיט תַּכְלִית, מִיט חֶשְׁבּוֹן הַנֶּפֶשׁ, טְרַאכְטְן וָואס מֶען דַארְף פַארְרֶעכְטְן, אוּן אוֹיךְ קוּמְט מֶען אָפּ מִיט דֶעם וָואס מֶען דַארְף אָפְּקוּמֶען.

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.**

(עֵצָתוֹ אֱמוּנָה בְּהַעֲלוֹתְךָ תשפ"ה)

<<<<<< לעבנ'ס געשיכטע פון רבי'ן

קוּמֶען אַרוֹיס אַסַאךְ סְפָרִים, אוּן אַז מֶען טָאר נִישְׁט חוֹזֵק מַאכְן פוּן קַיין שׁוּם סֵפֶר, יֶעדֶער מֶענְטְשׁ דַארְף גְלֵייבְּן אִין זַיין אֵייגֶענֶע חִידוּשֵׁי תּוֹרָה, אוּן נָאךְ פִילֶע וואוּנְדֶערְלִיכֶע זַאכְן וִוי מֶען קֶען זֶען אִינֶעוֵוייניג אִין דִי תּוֹרָה.

וֶוען דֶער רֶבִּי הָאט דֶעמָאלְט גֶערֶעדְט פוּן דֶעם אַז עֶס וֶוערְט אַ סֵפֶר דוּרְךְ מַחְלוֹקֶת, הָאט מֶען נִישְׁט פַארְשְׁטַאנֶען וָואס עֶר מֵיינְט, בִּיז שְׁפֶּעטֶער אִינְמִיטְן דֶעם יָאר וֶוען דֶער רֶבִּי הָאט גֶעהֵייסְן דְרוּקְן זַיין הֵיילִיג סֵפֶר לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן (זֶע שְׁפֶּעטֶער אִין סִימָן תשמ"ז), אוּן מֶען הָאט עֶס טַאקֶע גֶעדְרוּקְט, הָאט מֶען שׁוֹין דַאן פַארְשְׁטַאנֶען וָואס דֶער רֶבִּי הָאט גֶעמֵיינְט צוּ זָאגְן בֵּיי דִי תּוֹרָה אוּם רֹאשׁ הַשָּׁנָה.

### תשיח

מוֹצָאֵי רֹאשׁ הַשָּׁנָה הָאט דֶער רֶבִּי זִיךְ נָאכְגֶעפְרֶעגְט אוֹיף אֵיינֶעם פוּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ, נִישְׁט סְפֶּעצִיעֶל אַ חָשׁוּבֶער מֶענְטְשׁ, ווָאוּ עֶר אִיז, פַארְוָואס עֶר אִיז נִישְׁט גֶעקוּמֶען אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה. קֵיינֶער הָאט נִישְׁט גֶעעֶנְטְפֶערְט. אוּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ הָאבְּן זִיךְ גֶעוואוּנְדֶערְט פַארְוָואס דֶער רֶבִּי פְרֶעגְט זִיךְ בִּכְלַל נָאךְ אוֹיף אַזַא מֶענְטְשׁ.

הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זִיךְ אָנְגֶערוּפְן, "וַוייל עֶר אִיז נִישְׁט דָא גֶעוֶוען, מוּז אִיךְ פָארְן קַיין לֶעמְבֶּערְג".

### תשיט

מָאנְטָאג, צוּם גְדַלְיָ', הָאט רֶבִּי נָתָן אָפְּגֶעשְׁרִיבְּן דִי גַאנְצֶע תּוֹרָה וָואס עֶר הָאט גֶעהֶערְט פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי"ן, אוּן עֶר הָאט גֶעוִויזְן פַארְ'ן רֶבִּי"ן, אוּן עֶס אִיז זֵייעֶר גֶעפָאלְן פַארְ'ן רֶבִּי"ן דִי וֶועג וִוי אַזוֹי רֶבִּי נָתָן הָאט עֶס גֶעשְׁרִיבְּן. דֶער רֶבִּי הָאט אִים גֶעזָאגְט, "דַיין לָשׁוֹן אִיז נָאנְט צוּם מְכֻוָּן", דֶער רֶבִּי הָאט זֵייעֶר הֲנָאָה גֶעהַאט פוּן זַיין לָשׁוֹן, דֶער רֶבִּי הָאט אִים גֶעזָאגְט, "מִיטְ'ן שְׁרַייבְּן בִּיסְטוּ נָאךְ מִיר".

### תשכ

רֶבִּי נָתָן הָאט גְלַייךְ דֶערְנָאךְ גֶעוָואלְט אַהֵיימְפָארְן קַיין מָאהְלוּב, וַוייל עֶר הָאט דָארְט אִיבֶּערְגֶעלָאזְט זַיין וַוייבּ אַלֵיין, עֶר הָאט אָבֶּער נִישְׁט גֶעטְרָאפְן קַיין וֶועג אַהֵיים, עֶס זֶענֶען נִישְׁט גֶעוֶוען קַיין וֶועגֶענֶער צוּ פָארְן דֶעם וֶועג, אִיז רֶבִּי נָתָן גֶעבְּלִיבְּן בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי"ן.

אִינְצְוִוישְׁן אִיז אָנְגֶעקוּמֶען אַ יְדִיעָה צוּ רֶבִּי נָתָן אַז זַיין וַוייבּ אִיז זֵייעֶר קְרַאנְק גֶעוָוארְן אוּן עֶס אִיז נִישְׁטָא וֶוער עֶס זָאל זִיךְ אוּמְקוּקְן אוֹיף אִיר, וַוייל זִי אִיז גֶעבְּלִיבְּן דָארְט אַלֵיין, אוּן עֶס אִיז גֶעוָוארְן אַן אִיבֶּערְקֶערֶענִישׁ אִין שְׁטָאט וִוי אַזוֹי אַ מַאן קֶען טוּן אַזַא זַאךְ אִיבֶּערְצוּלָאזְן אַ קְרַאנְקֶע וַוייבּ אוּן זִיךְ אַוֶועקְפָארְן.

רֶבִּי נָתָן אִיז גְלַייךְ אַרַיין צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי"ן אוּן אִים אַלֶעס דֶערְצֵיילְט, אוּן גֶעבֶּעטְן אַז עֶר זָאל מְעוֹרֵר זַיין רַחֲמֵי שָׁמַיִם פַאר זַיין וַוייבּ.

פָארְזֶעצוּנְג קוּמְט אי"ה - גֶענוּמֶען פוּן סֵפֶר "פְּעֻלַּת הַצַּדִּיק"

## נייעס אינערהאלב מוסדותינו הק'

# שיינע חומש סעודה אין שטעטל

זונטאג פרשת קרח איז פארגעקומען גאר א הערליכע מעמד חומש סעודה אין תלמוד תורה היכל הקודש אינעם ברסלב'ן שטעטל אין ליבערטי, ווען די זיסע קינדערלעך פון כתה א' האבן זוכה געווען צו פייערן זייער מעמד התחלת לימוד חומש.

די זאל אינעם תלמוד תורה איז געווען אנגעפילט מיט עלטערן און זיידעס און באבעס וועלכע זענען געקומען שעפן נחת פון זייערע קינדער און אייניקלעך. די מעמד האט זיך אנגעהויבן מיטאג צייט ווען די קינדער האבן אריינמארשירט אינעם זאל, ווי זיי האבן געזינגען שיינע ניגונים לכבוד היום.

ווי איינגעפירט האבן זיי געזאגט די ערשטע פסוקים פון חומש ויקרא, און דערנאך האט דער מנהל הר"ר מרדכי אינדיג שליט"א אויפגעטרעטן, און ארויסגעברענגט די גרויסע חשיבות פונעם מלמד וואס געבט זיך אזוי געטריי אפ מיט די קינדער, ער קוקט נישט נאר אויפ'ן יעצטיגן מינוט, נאר ער טראכט אויף שפעטער, די קינדער וועלן אויפוואקסן, און יעדער וועט שוין לאנג פארגעסן ווי קיוט ער פלעגט זינגען די ניגון וואס דער מלמד האט אים אויסגעלערנט, און ווען די עכטע לעבן וועט זיך אנהייבן, וועט דער אייבערשטער זיין איינגעבאקן ביי זיי אין הארץ, און די תורה און מצוות וועלן זיין באליבט ביי זיי.

סתם אזוי ווען מען קוקט אויף די קינדער, זעט מען זיסע לעכטיגע קינדער, אזוי ווי אלע קינדער, אבער ווען מען רעדט מיט זיי זעט מען די ארבעט פונעם מלמד, די קינדער לעבן מיט אזא תמימות, זיי לעבן מיט'ן אייבערשטן, זיי זענען אויפגעבויעט און אנגעפילט מיט אמונה.

דערנאך האט מען געהערט עטליכע ווערטער פונעם חשוב'ן מלמד הר"ר בערל שניטצלער שליט"א וואס האט געדאנקט דעם אויבערשטן אז ער האט די זכי' צו זיין מלמד, און ער קען פארברענגען זיין צייט מיט אריינלייגן אמונה אין קינדער, ער האט באדאנקט די עלטערן וואס האבן אוועקגעגעבן צייט איבערצוגיין יעדן טאג די הייליגע עברי מיט די קינדער, און אזוי אויך האט ער געדאנקט דעם ראש ישיבה שליט"א פאר'ן אים געבן די געלעגנהייט זיך צו קענען אפגעבן מיט די טייערע קינדער.

דער ראש ישיבה שליט"א, וואס איז אויך דער זיידע פון איינע פון די קינדער, האט דערנאך אויפגעטרעטן, און ארויסגעברענגט אז מען כאפט נישט די חשיבות פון א מלמד, וויפיל כחות ער לייגט אריין, ביז ווען דער מלמד קען אמאל נישט קומען, און מען דארף א שטעלפאטרעטער, דעמאלט קען מען זען די גרויסע כחות פון א מלמד, א טאטע וועט קיינמאל נישט פארשטיין די געוואלדיגע כוחות וואס א מלמד לייגט אריין אין די קינדער, ביז ווען ער אליין אמאל זיצן אין קלאס פאר א טאג אדער שעה.

דער ראש ישיבה שליט"א האט דערציילט א מעשה וואס איז געווען פאריגע וואך, ווי ער האט מיטגעהאלטן וויאזוי דער מלמד האט באהאנדלט א קינד, אזוי קלוג און איידל, זיך אפגעגעבן מיט אים אזוי געטריי, אין די צייט וואס מען וואלט זיך געקענט רעגן אויפ'ן קינד און אים חלילה פארשעמען.

דער ראש ישיבה שליט"א האט דערנאך גערעדט איבער דעם וואס מען פירט זיך אז מען הייבט אן מיט קליינע קינדער לערנען חומש ביי "ויקרא" וואס האט א קליינע "אלף", ווייל דאס איז א חדר, מען לייגט אריין דעם "אלף" דער אויבערשטער וואס איז דער "אלופו של עולם" אין די קליינע קינדער.

מיר אלע - האט דער ראש ישיבה שליט"א געזאגט - לערנען אויך אין חדר, דער הייליגער רבי איז אונזער מלמד, און ער לייגט אריין אין אונז דעם אלופו של עולם, ער לערנט אונז אויס צו בעטן דעם אייבערשטן יעדע זאך.

נאכ'ן מעמד האט מען זיך ארויסגעלאזט אין א פרייליכע ריקוד, און די קינדער האבן באקומען א פערזענליכע סידור, מיט זייער נאמען ארויפגעקריצט מיט גאלדענע אותיות.

נאך די חומש סעודה איז דער ראש ישיבה שליט"א געגאנגען קוקן נעבן די חדר ווי מען האט אראפ געווארפן אן אלטן געביידע וואס מען האט האט אפגעקויפט, צו מאכן דארט א שפיל גארטן פאר די קינדער.


## סימן טוב ומזל טוב

מו"ה **משולם פייש פעלבערבוים** הי"ו קרית ברסלב
צו די געבורט פון א אינגל למזל טוב

החתן **אהרן בערגער** הי"ו
צו זיין שידוך שליסן למזל טוב עב"ג בת
מו"ה **שמחה סאלז** הי"ו קרית ברסלב

החתן **משה האממער** הי"ו בארא פארק
צו זיין שמחת החתונה למזל טוב עב"ג

## לויף אין בונקער

**שטייענדיג אין די יעצטיגע שווערע צייט בגשמיות וברוחניות, הערט אנווייזונגען ווי אזוי מען לויפט אין בונקער זיך באשיצן**

**קול ברסלב**

**212-444-9191**

**1, 2, 2, 10, 34**

## חיזוק צום טיר

**איר קענט באקומען אלע ספרי ברסלב, קונטרסים, "עצתו אמונה", דרשות, ניגונים, סידי'ס, USB'ס, SD'ס, און נאך; דעליווערט צו אייער טיר!**

רופט אריין מיט אייער פארלאנג צו

**718-387-2691**

און מיר וועלן פרובירן בעז"ה עס צו שיקן צו אייך אהיים

**קול ברסלב - שיעורים; חיזוק יומי; ניגונים; פערזענליכע מעשיות; און נאך**
845-351-0910 / 212-444-9191
ארץ ישראל 0797040066 / ענגלאנד 03303502361 / קאנאדא 438-300-8080
בעלגיע 3235003461 / ארגענטינא 1152354370
צו באקומען דעם גליון אויף אימעיל **breslevcenter@gmail.com**

**קוואל פון אמונה (פרויען) - שיעורים; פערזענליכע מעשיות; רעספיס; און נאך**
845-351-9060 /212-444-9169
ארץ ישראל 0797040069 / ענגלאנד 03303502363/ קאנאדא 438-320-9090
בעלגיע 3235003462 / ארגענטינא 1152354380
חיזוק יומי אימעיל **chizikyomi@gmail.com/** טעלעפאן מעסידזשינג **347-630-2876**

< BreslevCenter.com >